**גוט שבת אלע אידן.** רב אריה ראדעץ (זיין עכטע נאמען) איז א רב וואס האט געלערנט אין די "חפץ חיים" ישיבה אין פארעסט הילס, ניו יארק. אין תשמ"ג, איז רב ראדעץ געגאנגען וואוינען אין דאלעס, טעקסעס, וואו ער האט גענומען א שטעלע אלס רב אין א קליינע קהילה. יענע חלק פון אמעריקע איז נישט באקאנט אלס א מקום פון תורה און אידישקייט. וועגן דעם איז רב ראדעץ געקומען וואוינען דארט כדי צו מחזק זיין די קהילה און צו מקרב זיין אידן.

פארשטייט זיך אז רב ראדעץ איז געווען מורא'דיג פארנומען מיט דעם שווערען ארבעט פון פירן א אידישע קהילה, בפרט אין א קהילה ווי דאלעס, טעקסעס וואס האט וועניג רבנים. רב ראדעץ האט געגעבן שיעורים פאר'ן עולם, און דורך דעם האט ער מקרב געווען אסאך אידישע משפחות צום אידישקייט, ב"ה.

דורך די יארן וואס רב ראדעץ האט געפירט די קהילה אין דאלעס, האט ער געהאט די געלעגענהייט צו טרעפן אסאך אינטערעסאנטע אידן. איינער פון די אידן וואס רב ראדעץ וועט קיינמאל נישט פארגעסן איז א איד מיט'ן נאמען "לענארד פארמאן." רב ראדעץ וועט אייביג געדענקען ווי אזוי ער האט געקענט מר. פארמאן פאר די ערשטע מאל. איין טאג, ווען רב ראדעץ איז געזיצן אין זיין אפיס אין די שול, איז אריינגעקומען א מענטש וואס רב ראדעץ האט קיינמאל נישט געזען פאר דעם.

"ראביי," האט דער מענטש אנגעהויבן צו רעדן מיט א שטארקע גוי'אישע טעקסעס אקסענט. "איך מעג אפשר רעדן א ווארט צוויי מיט אייך?" האט דער מענטש געפרעגט. "זיכער!" האט רב ראדעץ געענטפערט דעם מענטש מיט א ווארעמקייט. "איך הייס לענארד פארמאן," האט דער איד אנגעהויבן צו זאגן, געבענדיג זיין הענט צו רב ראדעץ. לענארד האט גערעדט אפאר מינוט וועגן אידישקייט מיט רב ראדעץ.

נאכדעם האט דער איד געזאגט, "איך האב געוואלט מנדב זיין געלט צו דיין שול." רב ראדעץ איז געווארן איבערראשט. געווענטליך קומען נישט קיין פרייע אידן אריין פון גאס צו געבן געלט פאר די מוסדות. רב ראדעץ האט זיך פארגעשטעלט אז ער וועט אפשר מנדב זיין 100$, וועגן דעם איז רב ראדעץ ערשטוינט געווארן ווען לענארד האט אים געזאגט אז ער וויל אים שריבען א טשעק פאר 2000$, וואס איז געווען דעמאלט 20 יאר צוריק א ריזיגע סומע געלט. "איך האב נישט קיין טשעקס אויף מיך," האט לענארד געזאגט מיט א שמייכל, "אבער, איך גיי צוריקקומען נעקסטע וואך מיט דעם געלט." רב ראדעץ האט אויך געשמייכעלט און ער האט באגלייט לענארד צו דעם טיר. אין זיין הארץ האט רב ראדעץ נישט געגלייבט אז לענארד וועט צוריקקומען מיט דעם געלט, ווייל לענארד איז בכלל נישט פרום געווען.

צו רב ראדעץ'ס ערשטוינקייט איז לענארד טאקע צוריקגעקומען מיט א טשעק. אבער, דער טשעק איז נישט געווען אויסגעשטעלט פאר 2,000$ נאר עס איז געווען פאר 3,000$! דאס איז געווען לענארד'ס ערשטע נדבה צו דער שול. דורך די יארן נאכדעם, האט לענארד כסדר מנדב געווען אסאך צדקה. ליידער איז לענארד נפטר געווארן עטליכע יארן צוריק ביי די 49 יאר. נאך די שבעה האט לענארד'ס משפחה געגעבן נאך מער געלט צו רב ראדעץ'ס מוסדות לע"נ לענארד. מיט די געלט וואס די משפחה האט געגעבן, האט רב ראדעץ געקענט איבערבויען די שול.

ביי די שלושים פון לענארד, האט רב ראדעץ מספיד געווען לענארד פאר אן עולם פון זיין משפחה און חברים. אין די הספד האט רב ראדעץ דערציילט א מורא'דיגע מעשה פון לענארד'ס לעבן, ווי אזוי לענארד איז געקומען נענטער צום אידישקייט.

אין תשמ"ו, בעפאר לענארד האט געקענט רב ראדעץ, איז לענארד געפארן קיין ארץ ישראל פאר די ערשטע מאל אין זיין לעבן. איין טאג איז ער געגאנגען צו דעם כותל המערבי. חאטש ער איז נאך נישט געווען פרום דעמאלט, איז לענארד שטארק נתעורר געווארן דורך זיין ביים כותל. לענארד האט נישט געקענט דאווענען אדער זאגן תהלים, ווייל ער איז געווען פריי. וועגן דעם האט לענארד געדאווענט צום אייבערשטען אין זיינע אייגענע ווערטער, אזוי ווי א פשוט'ער קינד רעדט מיט זיין טאטן.

נאכדעם וואס לענארד האט געענדיגט "דאווענען" האט ער אביסל ארומגעקוקט אויף די אנדערע מענטשן וואס זענען צוזאמענגעקומען ביים כותל. פלוצלינג האט ער באמערקט א ירושלמי איד וואס איז געשטאנען לעבן אים. דער איד איז געווען אינגאנצען אריינגעטון אין דעם דאווענען. דער איד איז געווען אנגעטון מיט א טלית און ער האט געשאקלט אהין און צוריק קעגן דעם ריזיגען מויער, בשעת ער האט אריינגעקוקט אין א ספר. יעדע פאר מינוט האט דער איד אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און ארויסגעלאזט א קרעכץ.

לענארד האט געקוקט אויף דעם דביקות'דיגען איד פאר עטליכע מינוט. לענארד איז איבערגענומען געווארן מיט א רוחניות'דיגע געפיל וואס ער האט קיינמאל נישט געשפירט אין זיין לעבן. ער איז אהיימגעפארן קיין אמעריקע אן אנדערער מענטש, און באלד דערנאך האט ער זיך באקענט מיט רב ראדעץ...

"שטעלט אייך פאר," האט רב ראדעץ געזאגט פאר'ן עולם ביים סוף פון דעם הספד, "ווען דער ירושלמי איד וועט ארויפגיין נאך די 120, וועט דער אייבערשטער אים דערציילן וואס פאר א שכר באקומט ער פאר אלע מצוות, בפרט די צדקה, וואס לענארד און זיין משפחה האבן געטון. ווייל דער ירושלמי האט אלעס גורם געווען דורך דעם וואס ער האט ערליך געדאווענט איין טאג ביים כותל. דורך לענארד'ס צדקה, האט רב ראדעץ געקענט איבערבויען די שול אין דאלעס, א זכות וואס מען קען נישט משער זיין. לכאורה האט דער ירושלמי אפילו קיינמאל נישט געהערט פון דאלעס, טעקסעס!

די ענין וואס מען האט יעצט גערעדט איז אפשר מרומז אין אין די היינטיגע סדרה. נח האט גענומען 120 יאר צו בויען דעם תבה. פארוואס האט עס גענומען אזוי לאנג צו בויען דעם תבה? דער מדרש ענטפערט אזוי: דער אייבערשטער האט געוואלט אז די וועלט זאל פרעגן נח וואס ער טוט. דעמאלט וועט נח קענען זאגן פאר זיי אז עס קומט א מבול. דעמאלט וועלן די זינדיגע מענטשן תשובה טון. פון דא זעט מען א געוואלדיגע יסוד וואס איז שייך אין אונזערע טאג-טעגליכע לעבן, ד"ה, אסאך מאל, האבן אונזערע מעשים מער א כח צו משפיע זיין אויף יענעם צו גוטס, אסאך מער ווי אונזער רייד אליינס. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם על ידי מוה"ר יקותיאל יהודה שפוטץ הי"ו לרגל שמחת לידת הבת אצל מחבר דף זה
נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.
**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234**
דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)